שנה א׳ גליון ט״ו
פרשת בא
תשפ״ד

גליון

# יומא בהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים וועמענ׳ס ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג.

## לוח ההילולא

**י׳ שבט**

המקובל האלוקי רבי שלום שרעבי זצ״ל
הגאון רבי אברהם זוסמאן זצ״ל מרבני לאנדאן

**י״א שבט**

הגאון רבי אברהם פולאק זצ״ל אב״ד לובמלא

**י״ב שבט**

הצדיק המקובל רבי יצחק אהרן פעדערוויים זצ״ל מסעראדהעל

**י״ג שבט**

הגה״ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זצ״ל

**ט״ו שבט**

הג״מ רבי אברהם הכהן די אירירה זצ״ל
הגה״ק רבי מרדכי האלבערשטאט זצ״ל הי״ד דומ״ץ סאקאלוב

**ט״ז שבט**

הרה״ק רבי אשר צבי מאוסטרהא זצ״ל

## י׳ שבט

## המקובל האלוקי הגה״ק רבי שלום מזרחי דיעדי שרעבי [הרש״ש] זצ״ל

געבוירן שנת ת״פ אין שטאט שרעב אין תימן - וואס מען האט אויף דעם אים גערופן שרעבי - צו זיין פאטער רבי יצחק זצ״ל מחכמי העיר, וואס פאר פרנסה האט ער זיך באשעפטיגט אלס א פעדלער ארומגייענדיג אין די שטעט פארקויפנדיג שמאנצעס. ווען דער רש״ש איז נאך געווען גאר יונג איז ער ל״ע נסייתם געווארן פון זיין טאטע׳ן, און אויף אים איז דאן געפאלן די גאנצע עול הפרנסה, איז ער געווארן א פעדלער אזוי ווי זיין פאטער, און יעדע איבריגע מינוט האט ער אויסגעניצט אויף לימוד התורה. איין טאג האט ער געהאט א גרויסע נסיון ממש ווי די נסיון פון יוסף הצדיק, און ער האט זיך מוסר נפש געווען ארויסטאנצנ׳דיג פון פענסטער פון זייער א הויכע שטאק און מיט נסי נסים האט ער עס אדורך געלעבט. דער רש״ש איז דאן אנטלאפן פון תימן און האט אנגעהויבן צו וואנדערן פון שטאט צו שטאט, צווישן אנדערע איז ער געווען אין שטאט באמביי בארץ הודו [-אינדיע], דערנאך איז ער אנגעקומען קיין באגדאד בארץ בבל [-איראק]. טראץ זיין שווערע מצב און זייענדיג אפגעמוטשעט פון זיינע פילע נסיעות האט דער רש״ש נישט נאכגעלאזט פון עוסק זיין בתורה און אזוי איז ער געוואקסן בקדושה ובטהרה. ער האט די גאנצע צייט באהאלטן זיין גרויסקייט און זיך געמאכט כאילו ער ווייסט גארנישט אבער בסתר האט ער זיך צוגעהערט צו די שיעורים פון די חכמי באגדאד ובפרט אין פנימיות התורה און אירע סודות.

נאך א שטיק צייט איז ער געפארן קיין דמשק בארץ ארם צובא [-סיריא], דארט האט ער זיך פארדינגען צו זיין א משרת אין הויז פון השר הדגול והמפורסם רבי שאול פרחי זצ״ל -וואס האט אויסגעהאלטן א ישיבה ווי עס זענען געזעצן און געלערנט גרויסע חכמים ומקובלים. טראץ וואס דארט האט ער אויך פראבירט צו באהאלטן זיין גרויסקייט האבן אבער די חכמי הישיבה דערקענט אז דער משרת איז נישט תוכו כברו, נאר אונטער די פשטות איז באהאלטן א הויכע נשמה וואס איז משתוקק צו פנימיות התורה. נאך א ווײלע זיך אויפהאלטן אין דמשק איז ער ארויף קיין ירושלים ת״ו, אנקומענדיג קיין ירושלים איז ער תיכף געגאנגען צו די ראשי פון די באוואוסטע ישיבת המקובלים ״מדרש החסידים בית א-ל״ און האט געבעטן פון די מייסד הישיבה וראש מדרש המקובל האלוקי הגה״ק רבי גדליה חיון זצ״ל אז ער וויל דינען אלס גבאי פון ישיבה און משמש זיין די תלמידי חכמים, און צו באצאלן דארף ער בלויז אביסל עסן כדי מחייתו, רבי גדלי׳ האט אים אויפגענומען אלס שמש אין ישיבה. פון דאן האט דער רש״ש באדינט די חכמים, גערייניגט און אנגעגרייט די היכל המדרש, יעדע נאכט פלעגט ער סערווירן כוסות חמין פאר די לומדים און ווען זיי האבן עוסק געווען אין לימוד חכמת האמת האט זיך דער רש״ש געזעצט ביים ווינקל פון ביהמ״ד זיך אנשטעלנדיג א פנים ווי ער דרימלט, און אזוי האט ער זיך צוגעהערט צו זייערע לימודים, און מיט זיין שארפן מח האט ער מקבל געווען פון זייער תורה, זיך פרייענדיג אויף זיין חלק ווען ער איז זוכה צו לערנען פון די גדולי חכמי הדור.

איין טאג האבן זיך רבי גדלי׳ און זיינע תלמידים זיך מפלפל געווען בפירוש דברי האריז״ל נישט קענענדיג קלאר ווערן אין פשט, דער רש״ש האט נישט געקענט צוקוקן די צער פון רבי גדלי׳ איז ער געגאנגען אינמיטן די נאכט און אריין געלייגט א צעטל מיטן פשט אינעם ספר פון רבי גדלי׳. די נעקסטע צופרי, ווען רבי גדלי׳ האט באמערקט די ״פתק״ מיט די תשובה וואס האט מיישב געווען זיין קשיא, האט ער זיך זייער געפרייט אבער אפילו נאך א חקירה און דרישה האט ער נישט געקענט דערגיין פון ווי עס קומט. די זאך האט זיך איבער געחזרט מער ווי איינמאל און די לומדים האבן נישט געקענט דערגיין ווער עס איז זיי מפענח זייערע שווערקייטן און טוט מגלה זיין די סודות התורה. איין טאג האט די טאכטער פון רבי גדלי׳ ארויסגעקוקט פון פענסטער פון זייער הויז -וואס איז געווען אפן צום היכל המדרש- און האט געזעהן ווי דער משרת וואס שטעלט אהער א פנים ווי א תם און א שאינו יודע לשאול, באהאלט א צעטל אין איינע פון איר טאטענ׳ס ספרים, זי איז גלייך געגאנגען פארציילן פאר איר טאטע. רבי גדלי׳ האט תיכף געלאזט רופן דעם רש״ש און האט אים באפוילן אז ער איז גוזר אויף אים בגזרת מרא דאתרא אז ער זאל גארנישט לייקענען נאר זאל אים אלעס פארציילן. דער רש״ש האט

אבער געבעטן רבי גדלי' אז ער זאל נישט פארציילן פאר קיינעם. רבי גדלי' האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטוהל און האט אים ארומגענומען און געקישט אויף זיין קאפ און געזאגט, "איך קען נישט ממלא זיין דיין רצון -נישט מגלה צו זיין דיין גרויסקייט- ווייל דאס איז אן אות און א צייכן פון הימל אז עס איז געקומען די צייט די זאלסט נתגלה ווערן" און רבי גדלי' האט דאן גענומען דעם רש"ש פאר א חתן צו זיין טאכטער.

נאכן פטירה פון רבי גדלי', בשנת תקי"א, האט מען על צוואתו אויפגענומען דעם רש"ש אלס ממלא מקומו ראש בית המדרש למקובלים בית א-ל און פאר די פאלגנדע זעקס און צוואנציג יאר איז דער רש"ש געשטאנען בראש פון די ישיבה. במשך די תקופה זענען נתרבה געווארן די ספסלי הבית מדרש -מדרש חסידים- און עס איז גערופן געווארן על שמו "מדרשו של ש"מ [-ש'לום מ'זרחי]" און דורכן רש"ש האט זיך אנגעהויבן נתפשט צו ווערן חכמת האמת.

דער רש"ש איז געווען מפורסם אלס איש אלקום קדוש וטהור און האט זוכה געווען צו געוואלדיגע מדריגות ווי גילוי אלי' הנביא. זיין תלמיד די חיד"א אין שם הגדולים דריקט זיך אויס אויף זיין רבי'ן, " אחד קדוש בדורנו, מקובל מופלא, וכמעט היה לו ספר 'עץ חיים', שהוא הקדמות רבינו האר"י זצ"ל בסדר הרמ"פ ז"ל על פה, ובקי בהקדמות על מתכונתן, וברוב בקיאותו וחכמתו העמיד כוונות האר"י ז"ל על בוריין כסדרן והלכתן וכו' והיה מכוין כל כונות רבינו האר"י ז"ל וכו'. צווישן די ספרדישע מקובלים איז דא א מסורה אז דאס וואס שטייט סוף שערי הגלגולים, אז דער אר"י ז"ל האט געזאגט איידער זיין הסתלקות, "אם תזכו אני אבוא לכם ואני אלמדכם", גייט ארויף אויפן רש"ש וואס דער אר"י הק' איז נאך אמאל אראפגעקומען אויף די וועלט צו עפענען די שערי האר"י ז"ל כפתחו של אולם. (ראה בהקדמת לספר רב התוכן ישב רוחו). חכמי תורת הח"ן האבן מרמז געווען אין פסוק (תהילים ס"ח, י"ט) "עלית למרום שבית שב"י" אז דאס גייט ארויף אויף די דריי וואס האבן באלאכטן די וועלט מיט חכמת הקבלה וסודות התורה: רבי ש'מעון ב'ר י'וחאי, רבי י'צחק ב'ן ש'למה [-האריז"ל], רבי ש'לום ב'ן י'צחק [הרש"ש] וואס זייערע נעמען איז ר"ת שב"י.

אפילו נאך דעם וואס דער רש"ש איז שוין געווארן מפורסם על פני כל הארץ -אלס בעל מקובל ובקי בתורת הח"ן און אלס עמוד צלותהון של ישראל- איז ער נאך אלס געבליבן מיטן פשטות און עניוות זיך פירענדיג מיט א געוואלדיגע הצנע לכת. אין דעם לעצטן יאר ראש השנה האט דער רש"ש משנה געווען די סדר הכוונת וואס ער איז געווען געוואוינט. זיין תלמיד דער מהרי"ט אלגאזי זצ"ל איז מרמז אין א תשובה (ראה בסו"ס קהלת יעקב) אז די הנהגה האט א שייכות מיט זיין פטירה. טאקע אין יענע יאר, שבת פרשת בא, ביום י' שבט שנת תקל"ז איז דער רש"ש נסתלק געווארן ומנו"כ אויפן הר הזתים אין ירושלים עיה"ק ת"ו. (ראה יומא דנשמתה גליון תקנ"ה)

## הגאון רבי אברהם זוסמאן פאלעק (אברהאמס) זצ"ל
## ראש השוחטים דק"ק לאנדאן והמדינה

געבוירן בימי החנוכה שנת תקס"ב אין שטאט שעדליץ – פולין צו זיין פאטער הרה"ג רבי יוסף זצ"ל בן הגאון רבי אליעזר זצ"ל (מגיד משרים בסענראק ובשעדליץ) און זיין מוטער מרת גיטל ע"ה ווען ער איז אלט געווען צוויי יאר איז ער ל"ע נתייתם געווארן פון זיין טאטע'ן און ער איז אויף געצויגן געווארן ביי זיין מאמעס מאן בזיוו"ש הרב רבי יעקב בן רבי יחזקאל ז"ל. בשנת תקע"ה האט ער חתונה געהאט מיט מרת מרים אסתר ע"ה בת רבי דוב בער הכהן ז"ל בשנת תקצ"א האט ער חתונה געהאט בזיוו"ש מיט מרת אסתר רייזל ע"ה בת רבי ברוך ז"ל. אלס קינד האט ער נאך זוכה געווען צו באקומען א ברכה פון הרה"ק דער רבי פון לובלין זצ"ל אזוי אויך האט ער נאך געהאט די זכי' צו מקבל זיין פני הקדוש פון הרה"ק דער קאשניצער מגיד זצ"ל. רבי אברהם איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק רבי יעקב שמעון מזעלחוב זצ"ל (מגדולי תלמידי הרה"ק מלובליז זצ"ל) און אין זיינע ספרים ברענגט ער אסאך אראפ פון וואס ער האט מקבל געווען פון זיין רבי'ן. אזוי אויך האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק דער שר שלום מבעלזא זצ"ל, און בצ"ק פון הרה"ק מקאצק זצ"ל.

רבי אברהם האט משמש געווען אלס שוחט אין די שטעט שעניצא אין ליקאביא. צוליב רדיפות פון פארשידענע מלשינות האט ער געדארפט ארום וואנדערן פון שטאט צו שטאט ובשנת תקצ"ט האט ער דערגרייכט ענגלאנד, און איז בחודש כסלו נתמנה געווארן אלס שו"ב אין שטאט ליעדס. זומער שנת ת"ר האט ער זיך באזעצט אין שטאט לאנדאן יצ"ו, אום חודש אלול שנת תר"א איז ער נתקבל געווארן אלס אויפציעלער שוחט ובודק דק"ק לאנדאן והמדינה (יונייטי"ט סינגא"ג).

די שטעלע פון א שוחט אין יענע צייט איז געווען פיל מער פון די ענין פון שחיטה. דער שוחט פון שטאט איז געווען פון די חשוב'סטע פני העיר, דער דריטער אין אמט נאכן רב און דיין. רבי אברהם האט טאקע זוכה געווען צו א הערצה רבה פון די ארטיגע רבנים אין לאנדאן קודם מיט רב הגאון רבי שלמה הירשל בערלינער זצ"ל אב"ד ק"ק לאנדאן והמדינה און נאך זיין הסתלקות איז ער געווען בידידות מיט'ן לאנדאנ'ע רב הגאון רבי נתן הכהן אדלער זצ"ל בעל נתינה לגר. וואוינדיג אין לאנדאן האט ער זיך קובע מקום געווען צו דאווענען אינעם ספרדי'שען בית הכנסת וויבלאד דאס איז געווען די איינציגסטע פלאץ ווי מען האט פסח ביינאכט געזאגט הלל מיט א ברכה כמנהג חסידים [אזוי איז שפעטער נתגלגל געווארן אז זיין זון הרה"ג רבי ברוך לייב זצ"ל איז נתקבל געווארן אלס רב פון די ספרדישע קהילה אין לאנדאן ק"ק שערי שמים].

רבי אברהם האט געהאט אסאך שוועריקייטן במשך זיין לעבן. ער האט ליידער בחייו פארלוירן ניין קינדער ל"ע און געליטן פון קראנקייטן און טראץ דעם האט ער אלס עוסק געווען בתורה בהתמדה וביגיעה.

סוף ימיו בשנת תרל"ג האט רבי אברהם זיך ארויף געצויגן קיין ארה"ק ת"ו און זיך באזעצט אין ירושלים דארט האט ער מייסד געווען א ביהמ"ד על שמו בית אברהם. אויך איז ער געווען פון די עורכים פונעם מכתב עת "חבצלת" ער איז נסתלק געווארן ביום י' שבט שנת תר"מ ומנו"כ אויפן הר הזתים. מח"ס בית אברהם על שו"ע יו"ד, זכור לאברהם על הל' שחיטה ובדיקה, ברוך מבנים, ויעש אברהם, ממל אברהם עה"ת. (ראה בספר בעלזא אין לונדון ח"א דף ע"א-צ"א ובקונטרס אוצר רבני בריטניא).

## י"א שבט

### הגאון רבי אברהם פולאק זצ"ל אב"ד לובמלא

געבוירן צו זיין פאטער רבי יעקב ז"ל און געווען אן איידעם ביי הגאון רבי יצחק בצלאל מלודמיר זצ"ל ובזיווו"ש איז ער געווען אן איידעם ביים מהרש"ל. רבי אברהם איז געווען פון די גרויסע גאונים בדורו ער איז נסתלק געווארן ביום י"א שבט בערך שנת שמ"ה. (ראה בספר אוצר הגדולים אלופי יעקב בערכו ובמליצי אש י"א שבט)

## י"ב שבט

### הצדיק המקובל רבי יצחק אהרן פעדערוויס זצ"ל מסערדעהאלי

געבוירן אין שטאט שוראני -א שטעטל נעבן פרעשבורג- צו זיין פאטער רבי יום טוב ליפמאן ז"ל און זיין מוטער מרת אסתר ע"ה. אין די יונגע יארן האט ער גלערנט ביים שוראני רב הגאון רבי יחזקי' פייבל פלויט זצ"ל בעמח"ס ליקוטי חבר בן חיים מגדולי תלמידי מרן החתם סופר זצ"ל. בימי עלומיו האט ער געהאט א שטארקע תשוקה ארויף צו גיין קיין ארה"ק זיך אנזאפן מיט תורה ויראת שמים. אבער זיין רבי דער בעל ליקוטי חבר בן חיים האט אים געבעטן צו בלייבן אין חוץ לארץ וויל די אידן פון חוץ לארץ דארפן אים האבן. שפעטער האט ער געלערנט אין די פרעשבורג'ע ישיבה וואס איז געשטאנען אונטער נשיאות פון הגאון רבי מנחם מענדל כהן זצ"ל. ער האט חתונה געהאט מיט מרת בלימא יוכבד ע"ה ממשפחת ענגיל און איינקיל פון הגאון רבי סענדער מייזעלס זצ"ל אב"ד סערדעהאלי (בנו של בעמח"ס תוספות שבת). נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין שטאט סערדעהאלי.

רבי יצחק אהרן איז געווען באוואוסט מיט זיין גאונות המופלגת בש"ס ובפוסקים, און געווען בקי בד' חלקי שולחן ערוך בע"פ, ווי אויך האט ער געלערנט אסאך ספרי קבלה ותורות הח"ן. ער פלעגט קויפן אסאך ספרים און פארצייכענען וויפיל עס האט אים געקאסט נאכם עס אדורך געלערנט ביז ער האט עס געקענט אויף אויסוויינינג, האט ער עס פארקויפט ווייטער.

זיין גאנץ לעבן האט ער פראבירט צו באהאלטן זיין גרויסקייט פון מענטשן. ער האט געבעטן די מקווה איד אז ער זאל נישט פארציילן פאר קיינעם וועגן זיינע טבילות וואס ער פלעגט אפרעכטן יעדע נאכט אין מקוה טהרה, ווען די זאך איז יא נתפרסם געווארן האט ער אפגעהערט צו גיין דארט. שפעטער איז נתברר געווארן אז ער האט געבויט אליין א מקוה ביי זיך אין חצר, און דארט האט ער אפגעראכטן די עבודת הקדוש בהסתר וביתר שאת. ער פלעגט גיין אונגעטיען א גאנצע וואך נאר מיט בגדי לבנים. ער פלעגט זיצן אויף די אונטערשטע זיץ אין בית המדרש און האט געדאווענט אין א סידור האר"י עם כוונת הרש"ש. און האט זייער לאנג מאריך געווען בתפילה. רבי יצחק אהרן איז געווען מפורסם אלס גרויסער פועל ישעות און אסאך זענען געהאלפן געווארן פון זיינע ברכות. עס האט אמאל פאסירט אז איינער פון שטאט סערדעהאלי איז געקומען מיט א קוויטל זיך מזכיר זיין פאר הרה"ק רבי יהושע'לע מבעלזא זצ"ל האט רבי יהושע'לע געזאגט פארוואס קימסטו צו מיר ווען אין סערדעהאלי וואוינט א איד וואס קען זען מסוף העולם ועד סופו און האט געשיקט די נצרך צו רבי יצחק אהרן. אזוי אויך איז ער געווען באוואסט מיט זיין גרויסע מידת החסד וואס ער פלעגט עוסק זיין מיט העלפן ארימע אידן.

בעת די ערשטע וועלט מלחמה ווען עס איז געווען אסאך הרבה עגונה שאלות אין מען פלעגט קומען פאר רבי יצחק אהרן אז ער זאל אנווינטשען האט מען שוין געוויסט אז אויב ער ענפערט "די גוף איז דא" איז דאס געווען א סימן אז ער לעבט שוין נישט (רבי יצחק אהרן האט א גאנץ לעבן מקפיד געווען נישט ארויסצוזאגען קיין שלעכטע בשורה). אויב האט ער אבער גענפערט "די נשמה איז דא, און די גוף איז דא" האט מען געוויסט אז ער איז געבליבן לעבן. רבי יצחק אהרן איז נסתלק געווארן בשיבה טובה ביום י"ב שבט שנת תרפ"ג אלט זייענדיג נייעצניג יאר ומנו"כ בסערדאהעלי. (ראה בגליון דור דור וסופריו גליון י"ז)

## י"ג שבט

### הגה"ק רבי מרדכי מלעכאוויטש זצ"ל

געבוירן שנת תקי"ב (וי"א תקכ"ב) אין שטאט ניסוויז, צו זיין פאטער הרב רבי נח זצ"ל פרנס הקהילה אין שטאט ניסוויז. שוין אלס קינד איז דער לעכוויטשער געווען א געוואלדיגער עילוי און ווען ער איז אלט געווען בלויז צוועלף יאר האט ער שוין געזאגט א דרשה אין דער גרויסער שול אין ווילנא. אבער שפעטער ווען ער איז געווארן א רבי פון חסידים האט ער געבעטן השי"ת אז מען זאל פארגעסן זיין גדולת בתורה און קדושה. ער האט נאך זוכה געווען צו מקבל זיין פני הק' פון הרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין זצ"ל שפעטער האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק רבי שלמה קארלינער זצ"ל ווי אויך איז ער געפארן קיין ברדיטשוב צו הרה"ק בעל קדשת לוי זצ"ל און צו נאך צדיקי הדור.

דער לעכוויטשער איז געווען א ציל ברעט פאר די מתנגדים צו שיסן אויף אים מיט זייערע גיפטיגע פיילן, וויבאלד ער האט צו זיך צוגעצויגן מאסן חסידים דורך זיין מורא'דיגע כח התפילה און זיינע וואנדערליכע מופתים.

דער לעכוויטשער האט כל ימיו עוסק געווען בצדקה וחסד. און ער איז נתמנה געווארן דורך הרה"ק רבי אברהם קאליסקער זצ"ל אז ער זאל זיין דער נשיא ארץ ישראל און ער איז געווען געשטעלט אריבערצושיקן די צדקות פאר די אידן אין ארץ ישראל וואס ער האט דערפאר געארבעט זייער געטריי, און געשיקט פאנטאסטישע סומעס פאר עניי ארץ ישראל. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ג לחודש שבט שנת תק"ע ומנו"כ אין סטאלין.

## ט"ו שבט

### הג"מ רבי אברהם הכהן די אירירה זצ"ל

געבוירן בערך שנת ש"ל אין שטאט קארדאווע אין ארץ ספרד - שפאניא צו א משפחה פון אנוסים וואס האבן געהאט גרויסע פאזיציעס אין די שפאנישע מלוכה. ער איז געווען די דיפלאמאטישע שליח פון די קעניג פון מאראקא אין שטאט קדיז. אין יאר שנ"ו איז קדיז אנגענומען געווארן דורך די בריטישע קעניגרייך. מען האט אים דעמאלטס געפאנגען און געברענגט קיין לאנדאן. ער איז דעמלטס געזעצען אין תפיסה פאר פינף יאר נאכדעם וואס דער סולטאן פון מאראקא האט געמאכט השתדלות'ער ביים ענגלישע מלוכה איז ער באפרייט געווארן. ער איז דאן געגאנגען קיין אמסטערדאם האלאנד און האט זיך מגייר געווען. ער האט דארט געלערנט קבלה פון הגאון המקובל רבי ישראל סורג זצ"ל מגורי האר"י ז"ל און איז געווען איינע פון די מנהיגי הרוחנים פון די קהילה ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ו שבט שנת שצ"ט מח"ס בית אלוקים, שערי שמים. זיינע ספרים האט ער געשריבן בלשון ספרד, און עס איז איבערגעטייטשט געווארן דורך הגאון רבי יצחק אבוהב זצ"ל [המהר"י אבוהב השלישי] (ראה בספר אוצר הגדולים אלופי יעקב מערכת א אות ש"מ ובספר אנציקלופדיה לתולדות גדולי ישראל דף 17)

### הגה"ק רבי מרדכי מנחם נפתלי האלבערשטאט זצ"ל הי"ד דומ"ץ סאקאלוב

געבוירן צו זיין פאטער רבי יחזקאל ז"ל. פון קינדווייז אן האט ער שוין געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה וואקסנדיג א גרויסע גאון ובקי און עילוי נפלא. ער האט חתונה געהאט מיט מרת מרים בראנדל ע"ה בת רבי יוסף הלוי ע"ה. יונגערהייט איז ער נסמך געווארן להוראה דורך הגאון רבי יאשע בער סלאווייטשק זצ"ל אבדק"ק בריסק בעל בית הלוי. קודם האט ער זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק מראדזין זצ"ל.

רבי מרדכי איז געווען א גרויסע למדן אין פלעגט זיצן און הארעווען ביז שפעט אויף די נאכט. איין נאכט זיצנדיג אין בית המדרש פון די שטאט לאמזא (א שטעטל נעבן די שטאט ראדזין – פוילן) און האט זיך מפלפל געווען אין לערנען מיט זיינע חברים, האבן די לומדים פון שול באמערקט, ווי ביים ווינקל פון שוהל זיצט אויף דער ערד רבי נחום שטראקס -וואס האט אויסגעקוקט צו זיין גאר א פשוטע איד, וואס פאר פרנסה איז ער געווען א שוסטער- און זאגט תיקון חצות מיט גרויס התעוררות און געוויין, ווען די לומדים האבן דאס באמערקט האבן זיי אנגעהויבן צו לאכן, און זיך זייער געוואנדערט. זיי זענען געגאנגען צו רבי נחום שוסטער און אים געפרעגט "ווי קומט עס צי דיר צו זאגן תיקון חצות און קלאגען אויפן חרבן בית המקדש, די עבודה איז געמאכט פאר גרויסע צדיקים און עבודי ה' נישט פאר אזעלכע פשוטע מענטשן ווי דיר וואס קוים עברי קענסטו ארויס זאגן געהעריג, די מנהג איז נאר שייך פאר בעלי מדרגה וואס האבן א השגה אין די צער פון גלות השכינה?!" רבי נחום האט אויפגעהויבן זיינע רויטע פארוויינטע אויגן, און זיך אנגערופן מיט א תמימות "אדרבה עטס גרויסע לומדים ענק זענען זיך מחי' מיט לימוד התורה פאר ענק פעלט נישט אויס קיין בית המקדש, אבער איך פשוטע שוסטער -קוים וואס איך קען עפעס לערנען- פאר מיר פעלט אויס די בית המקדש, וועגן דעם בין איך מתפלל שיבנה בית המקדש במהרה בימינו!..."

ווען רבי מרדכי - וואס איז געווען א גרויסע מבקש- האט דאס געהערט האט ער פארשטאנען אז די ווערטער פון די פשוטע שוסטער קומט פון א געוואלדיגע ברען אין אהבת ה', וואס אפילו ער און זיינע חברים די גרויסע שארפע לומדים האבן נישט, איז ער צו געגאנגען צו רבי נחום און אים געפרעגט ווי האסטו געלערנט די מנהג פון זאגן תיקון חצות? רבי נחום האט געענטפערט אז "איך בין יעצט צוריק געקומען פון שטאט בארדיטשוב, דארט האב איך זיך באגעגנט מיט די ברסלבע חסידים... אוי האט זיך מיר געעפענט א נייע וועלט... א וועלט פון כיסופים און געגועים צו השי"ת... איך האב מיר דארט געלערנט צו רעדן און מתפלל זיין צו השי"ת אויף מיין אייגענע שפראך... און ווער רעדט נאך פון די גרויסע כח התפילה וואס איך האב מיר דארט געלערנט... נישט קיין תפילה אויף די אייגענע באדערפענישן נאר א תפילה וואס קומט דורך א הודאה און א קשר צו השי"ת... רבי נחום האט אנגעהויבן צו רעדן פון קוקן אויף די נקודות טובות וואס איז דא אין אונז, און ווי מער מען קוקט אויף די חלק הטוב ווערט פארלוירן די נקודות הרע... די ווערטער פון שוסטער איז גוט אריין אין דיביינער פון דעם יונגן עילוי, און ער האט געטראכט צו זיך "דא רעדט זיך זיכער פון א צדיק וואס איז א חידוש נורא ונשגב ער זאל קענען אויף אזא פשוטע איד ארויפברענגען א טרער אויפן חורבן בית המקדש" אזוי איז רבי מרדכי מקורב געווארן צו די ברסלב'ע חסידים.

רבי מרדכי אליין איז שפעטער געפארן קיין בארדיטשוב און זיך געטראפען מיט די ברסלב'ע חסידים, דארט האט ער זוכה געווען אסאך קונה צו זיין פון די זקני חסידי ברסלב. ובפרט האט ער זיך געווייקט במחיצת פון הרה"ק רבי אברהם ( בן ר' נחמן) הלוי חזן מאומאן זצ"ל (ראה אודותיו ביומא בהילולא גליון ט'). ביז עס איז גיט אריין געבאקן געווארן ביי רבי מרדכי און הארצן הרה"ק רבי נחמן מברסלב'ס זאך.

ביז ער איז מקורב געווארן קיין ברסלב פלעגט ער יעדע יאר בימי הרחמים והרצון ווילן אין ראדזין במחיצות זיין רבי'ן, [דעמאלטס האט שוין נישט געלעבט הרה"ק רבי גרשון מרדכי מראדזין זצ"ל בעל התכלת , און ער איז געפארן צו זיין זון הרה"ק רבי מרדכי יוסף זצ"ל], אין די ערשטע יאר וואס ער איז געפארן אויף ראש השנה קיין אומאן זיך צו געפינען ביים ציון פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל האבן די ראדזינע חסידים געשמועסט צווישן זיך אז זיכער וועט די ראדזינער האבן א קפידה אויף רבי מרדכי, אבער יענעם יום כיפור האט רבי מרדכי געווילט במחיצות פונעם ראזינער, האט אים די ראדזיענר מכבד געווען מיט פתיחת הארון ביי נעילה וואס איז געווען די שענסטע כיבוד אין ראדזין.

רבי מרדכי האט געעפענט א ברסלב'ע שטיבל אין לאמזא וואס דאס איז ווארשיינדליך געווען די ערשטע ברסלב שטיבל אין פוילן. און ער האט אסאך אידן מקרב געווען קיין ברסלב אין ער האט מיט אסאך

יונגערלייט גערעדט אין עבודת השם לויט די דרכים פון הרה"ק רבי נחמן זצ"ל.

בערך אין יאר תרס"ה איז ער פארבעטן געווארן דורכן רב פון די שטאט סאקלאב הרה"ק רבי יצחק זעליק מארגענשטערן זצ"ל נו"נ להרה"ק מקאצק זצ"ל -וואס האט דאן געהאלטן נאכן פטירה פון זיין טאטע'ן הרה"ק רבי חיים ישראל מבילוב זצ"ל און די חסידים האבן אים געקרוינט אלס אדמו"ר- אז ער זאל אים קומען ארויסהעלפן און דינען אלס דיין ומורה צדק אין שטאט. פאר מער ווי דרייסיג יאר האט רבי מרדכי געדינט אלס דיין אין שטאט.

אין די שפעטער יארן -פון שנת תרפ"ד- ווען די גרעניצן צווישען אוקריינע און פוילן זענען געווען פארשלאסען פלעגן די ברסלבע חסידים זיך צוזאם נעמען אויף ראש השנה ביים קיבוץ וואס איז פארגעקומען אין די בנין פון ישיבת חכמי לובלין ווי ער האט געדינט אלס בעל תוקע [אין די ערשטע יארן פלעגט הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל אב"ד ור"מ לובלין דינען אלס בעל תוקע, נאך זיין פטירה בשנת תרצ"ד איז רבי מרדכי געווען בעל תוקע]. ווי אויך פלעגט רבי מרדכי זאגען תורה ביים קיבוץ מיטל נאכט צווישען מנחה און מעריב.

רבי מרדכי איז אויך געווען גאר גרויס בחכמת הקבלה איין מאל ווען מען האט שוין נישט געקענט דורך פארן די גרעניצן האט זיך רבי מרדכי אנגערופן אז "אויב איך וויל קען איך זיך באניצען מיט די שם פון א רואה ואינו נראה אנצוקומען קיין אומאן, אבער דאס איז נישט געווען די רצון פון רבי'ן" זיך באציענדיג צו די שיחה וואס די הרה"ק רבי נחמן מברסלב זצ"ל האט געזאגט "צו מיר דארף מען פארן מיט פערד נישט מיט שמות" (ראה בשיש"ק ברסלב ח"א סי' ע')

אין אנפאנג פון די צווייטע וועלט מלחמה האט רבי מרדכי זיך פרובירט צו ראטעווען און איז אריבער קיין רוסלאנד. דארט האט מען אים ליידער פארשיקט קיין סיביר, און ער איז ל"ע אוועק פון די וועלט ביום ט"ו שבט שנת תש"ב אויסגייענדיג פאר הונגער הי"ד. (ראה בספר אש תמיד תוקד דף 161-118)

## ט"ז שבט

# הרה"ק רבי אשר צבי מאוסטרהא זצ"ל.

געבוירן צו פאטער רבי דוד ז"ל וואס איז געווען די פרנס הקהילה און גבאי דחברה קדישא אין שטאט אוסטרהא (בן הג"ר משה זצ"ל אב"ד בוטשאטש). שוין יונגערהייט איז ער שוין געזעצען על התורה והעבודה ווערנדיג נתעלה מיט מדריגות רמות ונשגבות, ער האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק רבי דוב בער זצ"ל דער מעזריטשער מגיד. ער האט משמש געווען ברבנות אין שטאט ברעזדוב. בערך שנת תק"מ איז ער געווארן מגיד משרים אין שטאט אוסטראה. רבי אשר צבי האט געהאט א געוואלדיגע השפעה און אסאך מחברי ספרים זענען געקומען נעמען פון אים אן הסכמה אויף זייער ספר צווישען די ספרים וואס ער האט געגעבן א הסכמה ציילט זיך די ספרים מאור עינים, אור פני משה, רב ייב"י ועוד. צוליב א מחלוקה האט ער געמוזט פארלאזן די שטאט אוסטראה און ער איז נתקבל געווארן אלס רב ואב"ד ומגיד אין שטאט קאריץ.

אין די הקדמה צו זיין ספר מעיין החכמה שרייבט ער "כל המעיין בספרי הזה וימצא איזה דברים הכתובים בו ואינם מובנים, יעמיק בהם בדביקות יראה ואהבת אלקית ביותר וימצא שהם דברים של טעם" די ספר אנטהאלט אויך א הסכמה פון הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זצ"ל וואס ער שרייבט "וגם מובטחני שכל מי שיעיין בדבריו הקדושים ימצא מרגוע לנפשו וילהיב הלבבות לעבודת השם יתברך ויתעלה, והנני להסכים עמו ארי שסידר רגליו לכנוס מי יעל עמו, ובודאי דברי קדשו אין צריכים חיזוק, כי ידוע שכל דבריו נאמרו ברוח הקודש..." דרייצן יאר איז ער געזעצן אין קאריץ ביז צו זיין פטירה ביום ט"ז שבט שנת תקע"ז ומנו"כ אין קאריץ מח"ס מעיין החכמה. (ראה בספר מזכרת לגדולי אוסטרהא)

פרנס הגליון
נתנדב לזכות
הבתולה הענטשא בת עלקא מלכה שיחי'
ע"י אביה ידידינו
מו"ה ר' שמואל הלוי יוזשעף ני"ו

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com